Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פרץ

Mosḳṿe, 1937

19

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 19

דער איבערײַס הייבט זיך ניט אָן,
דער איבערײַס פֿליסט דורכויסיק:
א טייל גליטשט ארײַן זיך אין טאָג,
א טייל גליטשט פון אים ארויס זיך.

עס ציט זיך א קייט נאָך א קייט
פון רוקנס פון בערדיקע ווינטן;
א ווען דער טאָג פארגייט,
א ווען דער טאָג באגינט דאָ.

ארטעלן — אהין און צוריק,
ארטעלן — ארופ און אראָפּ גיין;
עס דונערן הילכיקע טריט,
און ס'דונערט פון טיף דער אָפּגרונט.

מע גייט און מע קארגט זיך א לאך טאָג,
מע אײַלט זיך — געוויכטיק און שווער,
מ׳האָט נאָרוואָס געענדיקט די וואכטע
אין קאלכענעם טיפן קאריער.

געזונטן הונגער מע טראָגט,
ס׳איז גוט אינײנעם, אלע;
אָט גיט מען א נעם דאָרט דעם טאָג,
אָט צערײַסט מען אים דאָרט, ווי א כאלע.

זיי גייען — קיין סאָף מע זעט ניט,
דער אָנהייב איז ערגעץ שוין ווײַט;
די הרעבליע אין זון קלעטערט,
און וואכטע נאָך וואכטע זי בײַט.

אנטקעגן גייט מען פארטראכטע,
עס שורועט שפרוך פון געוויכט;
מיט מײַלער מע ווינקט מיט באפײַכטע,
מע בליצט מיט די ציין אף דער קיך.

עס זײַנען די ליפן געפעטיקט,
און שוויס די שטערנס באשווערט:
— הערט נאָר, ברידערלעך, פעטערס!
— הערט נאָר, כאווײרימלעך, הערט!

און הענט פון די ליידיקע טאשן,
פון טרוקענע מײַלער יאָגט:

—עפּעס געשמאַק היינט די קאַשע?
ברידערלעך טײַערע, זאָגט? —

מע הערט, ווי די קישקעס זיך שווענקען
אין פלאַמיקן באָרשטש און אין סוף;
מע גרעפּצט, און ס'ווערט לײַכטער און ווייניקער,
און איינער דעם אַנדערן שטופּט.

און פריידיק דער מענטשלעכער שטראָם איז,
ס'טרעט קיינער ניט אָפּ דעם וועג;
אַף שטויביקע קעפּ — קאַפּישאָנעס,
אַף אַקסל ברעזענטענע — העק.

דער טאָג, דאָס לעבן גענענט.
די פּענעמער שמייכלען באַקומען;
עס רײַבן זיך הענט אָן הענט
מיט הענטשקעס גליטשיקע גומי.

עס זײַנען די פּלייצעס באַוואַקסן,
עס זײַנען די פּלייצעס ברוקירט;
און ווער דאָס געצײַג — אַף די אַקסל,
אַף ווּעמען — ס'געצײַג קריכט.

א העלער געפילדער צעטראָגט זיך
פון גלאָקיקע שטימען אין גאַנג;
עס טראָגן זיך יונגען, באַוואַקסן
מיט ביישעק, מיט דאָרשט און געזאַנג.

און מיידלעך אין פלודערן ברייטע,
מיט רויטע קאָסינקעס אפ קעפ, —
דעמ וועג פארגלעקלט מען פריידיק
מיט הילכיקן גלאָקן־געשטעפ.

פון אויסגעהוילט־טיפע קאריערן,
פון טיפע פון קאלכענע זעק,
מיט גומענע שטיוול מיט שווערע,
געציילעמט מיט לאָמען און העק,

זיך דראפען ארופ דאָרטן רוישיק,
פארשטויביקט ארטעל נאָך ארטעל,
די הענט דאָרט מיט הענט זיך פארטוישן,
נאָר פיס, ווי העלפאנדס, מע שטעלט.

און אויגן טוקן זיך — העלע
און שווינדלען, מע זאָל זיי ניט זען;
און לעמפ, און עלעקטרישע דרעליערס,
און שטאָלענער, הארטער ברעזענט.

ארטעלן — אהין און צוריק,
און פריידיקער ראש אינמיטן;
עס פייַפט און עס רופט די פאבריק,
עס קלינגען די קעסלען צומ מיטיק.

באפרישט איז די לופט מיט פארע
פון טערפקער, פון זויערער קרויט,

און ווינטן אזעלכע שפארן
פון שווארצן פון קאָרענעם ברויט.

די נעזלעכער עפּעס דערפילן,
און אויגן זיך עפענען בלוי:
ס'פארשמעקט מיט געשמאקער אכילע,
ס'פארשמעקט מיט רו און באלוין!

און פעטערס, פון יאָרן געשטורעמט,
אין יאָרן, ווי נ'קאָרע פארהילט, —
מיט בערד, ווי אזעלכע באנדורעס,
כאָטש שטעל זיך אוועק און שפּיל:

„דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,
זאפּאָראָזשער בא דעם דניעפּ;
דינא־דאנא, דינא־דונא,
שטייט אופ, ויידעס, פון די טרונעס
און פארנייגט די גראָווע קעפּ!

דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,
זאפּאָראָזשער פונעם סטעפּ;
דינא־דאנא, דינא־דונא,
ס'האָט דער דניעפּער זיך צערורערט,
ס'רופט אהיימ איצטער דער דניעפּ.

דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,

זאפּאָראָזשער מעסער, בלאַנק!
דינאַ-דאַנאַ, דינאַ־דונאַ,
ס'ציִען טעג זיך אָן, ווי סטרונעס,
אַפן אוקראַינע, אַפן לאַנד!"

און פּעטערס, מיט יאָרן געזעטיקט,
געוואַקסענע נידריק און קליין;
מיט בערד, ווי צעשפּרייטע גאַזעטן,
כאַטש שטעל זיך אַוועק און לייען:

זאַפּאָראָזשער טאַטעלעס און זיידעס,
מיט ספּירט אין די אויגן צעפלאַמט;
מ'האָט דוירעס געפּאַשעט, געזייט דאָ,
ביז סאַמע דעם שוואַרצן יאַם!

עס ציט זיך דער צוג צום מיטיק,
די פּולסן ווי פייגל אין שטייג.
ווי גיט מען אַזוי ניט אינמיטן
אַ פּרוּוו מיט די הענט דאָס געצייג!

אַ ווינט פון אַלעמען רייסט זיך,
און כיישעק פון אַלעמען שטראָמט.
סאַראַטאָווער, טולער מייסטערס
מיט הענט האַרטער פון שטאָל.

ברייטפּלייציקע הויכע זיך שפּאַרן,
אין בראָנזענע בורקעס געפּאַקט;

אז נעמ מיט א ליד זיי דערוואַרעמ,
צעקנאַקן זיי גלײַך א האָפּאַק,

ווי וועלשענע ניס ווי געשמאַקע,
מיט טרישטש און מיט כראָמק און מיט זאַפּט,
אז בלוט דורך די בורקעס פלאַקערט,
אז בלוט אונטער בורקעס זיך וואַרפט!

און ס׳ציט זיך דער צוג דער קאָלירטער,
ס׳דערציילט עפּעס יעטווידער שפּאַן;
כאַלופּקעלעך בלויע, געשמירטע,
פּאַפּאַכעס פון דאָן און קובאַן!

און א ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
און א ייִד, וואָס מע קאָן ניט דערגיין,
פונוואַנען, פון וואָס ז׳ער געלאָפן,
און א ייִד, וואָס ער ווייסט ניט אליין...

ער וועט זיך נאָך עפּשער דערמאָנען?..
נאָר ס׳יאָגן פאַרשפּעטיקטע נאָך
געוועזענע דניעפּר־אַטאַמאַנען
פון פּינצטערן שייוועט מאַכנאָ!

מע וועט זיך א ציילעמ דאָס מויל טאָן,
אין מויל, ווי אין שייך — א שווערד;
אז ערגעץ טליִעט נאָך ווילטיק
פון טשערעדעס קיִען און פערד.

און געגאַנגען אוראַם-הערש איז פון פאָרנט,
זיך געווישט אפן וועג ט'ער די הענט
און געטראַכט: ס'איז א טאַכלעס געוואָרן
פון אזא באַלעגאָלע, ווי ער,

וואָס האָט אָפּגעקנאַקט הילכיקע יאָרן,
און די יאָרן געפירט פון דער באַן,
ווי פאַרשווינענע אפ זײַנע רעסאָרן,
און אליין צו די פערד זיך געשפּאַנט,

און פאַר מוירע געפאָלגט האָבן רעדער,
און דער וועג — מיט א גרינבלעכער ציכ. —
איצטער טראָגט אוראַם-הערש, ווי א רעדנע,
א גומענעם זאָטל אפ זיך...

ז'ער געגאַנגען, אוראַם-הערש, פון פאָרנט,
ווי געפירט צו דעם טרונק וואָלט ער פערד,
און געטראַכט: וואָס פון אים איז געוואָרן,
און וואָס ער איז געווען, ט'ער געקלערט...

ווען עס וואָלטן דערזען אים די וועגן,
ס'זאָל די בלאָטע א קוק טאָן אפ אים, —
וווּ אין פינצטערניש איז ער געלעגן
מיט דער בויד, מיטן פאַרשווין און נאָך ווי?

ווען עס זאָלן דערזען אים די גריבער
פון די זיבן געשוואָלענע מײַל,

ווּ אין שווייס בא די נעכט ט'ער געטריבן,
ווּ אין שווייס צום באגינען געײַלט,

ווּ אין גלאַנצ פון דעם זומפּ האָט זיך יאָרן,
האָט זיך יאָרן געשפּיגלט זײַן קאָפּ —
איז נאָכ שווארצער זיי וואָלטן געוואָרן,
און נאָכ טיפער זיי וואָלטן אראָפּ.

ס'האָט מיט אים דאָרט א וועלט געראשט דאָכ,
דערפער גאנצע ארום —
און דאָ — מיט נעפּאשעס ליאדאשטשע,
נ'אים דאכט זיך — ער הערט א געברום:

— ווּ איז, אורראָם-חערש, דײַן גווּרע?
— ווּ איז באלעגאָלישער שטאָלצ,
וואָס אפּ אײַנברעכנ אים אזא שטורעם
ז'אפּ דער גאנצער וועלט נישטאָ?

איז געדרייט דעם קאָפּ ט'ער אפּ הינטנ,
זיך אײַנגעהערט בייז אין זײַן טראָט;
ס'איז פּאוואָליע אוועק שוין א ווינטער,
עס איז פּייטעכ שוין באלד — אָט-אָט!

ס'קלאפּט די זון, ווי א טאצ אינ א טאצ אויס,
אז דער פרילינג גייט, ער קומט אָן,
אז פאר פרייד ערגעצ קנאָספּנ פּלאצנ,
ס'ווייסט דער ווינט ניט מיט זיך וואָס צו טאָן.

זאָזל אײַלט אוראָם-הערשן דעריאָגן,
ס׳גלאַנצט מיט שווייס זײַן צעשפּאָלטענע ליפּ,
זײַנע קעשענעס בײַסן פּאַיאָקן,
נאָר זיי זײַנען אים אויכעט ניט ליב.

ס׳איז אים הייס, ער פילט אַזוי מאַט זיך,
פון די ליפּן טריפט אַזוי שווער:
— אוראָם-הערש, מ׳קער שוין באַקן מאַצעס!
אוראָם-הערש, וואַרט נאָר אויס, אוראָם-הערש! —

דער לעצטער געגאַנגען איז לוקא דאָרט,
געגאַנגען, ווי געטראַכט — שווער;
געטראָגן פון אים האָט מיט טאַטע,
געטראָגן פון אים האָט מיט ערד.

ער האָט נאָך ניט אַלץ פאַרשטאַנען,
ער האָט נאָך ניט אַלץ דערטראַכט;
עפּעס אומקלאָר נאָך זאַכן זײַנען,
וואָס ווײַטער וועט זײַן דאָ — ער וואַרט...

ער פילט, ווי סע פלאַטערט אַ פרייד דאָ,
אַזאַ, וואָס פאַרפלייצט און בריט;
נ׳עפּעס גייט ער ניט פעסט נאָך אַף ביידע,
עפּעס גלייבט ער נאָך קנאַפּ זײַנע טריט...

ווען די רוימענע מיט זון זיך פאַרפילן,
ווען אַ גאַנצער באַגינען ברענט, —
שלאָגט ער פײַער נאָך אויס פון קריסיליע,
שלאָגט ער פײַער נאָך אויס מיט די הענט!